**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט דאס פארענדיגונג פון נייע איבערגעבויעטע ביליגערע האוזינג דעוועלאפמענט אין שענאנגא קאונטי**

***$5.2 מיליאן פראיעקט הייבט און האלט אן ביליגקייט ביי 18-יוניט רענטעל געביידעס אין ניו בערלין***

***אינוועסטירונג ערגענצט "Southern Tier Soaring" — די ראיאן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס פארענדיגונג פון בוי-ארבעט ביי רעד מיל אפארטמענטס, א $5.2 מיליאן, 18-יוניט ביליגערע האוזינג קאמפלעקס אינעם טאון פון ניו בערלין אין שענאנגא קאונטי. די פראיעקט וועט פארבעסערן זיכערהייט און קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער און אינעם זעלבן צייט אנהאלטן לאנג-טערמיניגע ביליגקייט, און ערגענצט "Southern Tier Soaring" — די ראיאן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו אויפלעבן קאמיוניטיס און אויפהייבן די עקאנאמיע.

"מיין אדמיניסטראציע זעצט פאר צו מאכן האוזינג א הויפט פריאריטעט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער באקומען צוטריט צו א ביליגערע, זיכערע און פעסטע פלאץ וואס זיי קענען רופן היים," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "די רעד מיל אפארטמענטס (Red Mill Apartments) פראיעקט ערגענצט אונזער היסטארישע פלאן דורך אינוועסטירן אין אנגייענדע האוזינג ריסארסן און באשיצן שפארזאמקייט אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג געשאפן אדער אנגעהאלטן 3,500 ביליגערע הייזער אין די דרום טיער. רעד מיל אפארטמענטס זעצט פאר די באמיאונג און ערגענצט גאווערנאר האקול'ס $25 ביליאן פולשטענדיגע האוזינג פלאן וואס וועט שאפן אדער אנהאלטן 100,000 ביליגערע הייזער איבער ניו יארק, אריינרעכנדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עמפינדליכע באפעלקערונגען, אין צוגאב צו די עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 הייזער.

דאס איבערבויען האט ארייננגענומען צו גענצליך איבערבויען די אינערליכע טייל פון די געביידע און גרויסזאמע פאררעכטונגען אויף די דרויסנדיגע טייל פון די געביידע. די געביידע האט באקומען א נייע דאך, זייטיגע ווענט, פענסטערס, ווענט, און טירן; אפגרעידעד הייצונג, וואסערן, עלעקטריק, און סעפטיק פאמפ סיסטעמען; און א נייע פייער אלארם סיסטעם פאר די געביידע קאמפלעקס.

אלע אפארטמענטס זענען אוועילעבל פאר פאמיליעס וועלכע פארדינען 80 פראצענט אדער ווייניגער ווי די עריע מידיען אינקאם. א פול-טיים אינטענסיווע האוזינג פאמיליע אדוואקאט איז אוועילעבל צוצושטעלן שטיצנדע סערוויסעס אזוויי לייף סקילס עדיוקעישאן און טרענירונג, ארבעט סקילס טרענירונג, אדער קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס.

די פראיעקט איז פינאנצירט דורך $5.2 מיליאן פון קאמיוניטי דעוועלאפמענט בלאק גרענט CARES אקט פינאנצירונג פארטיילט דורך HCR פאר שענאנגא קאונטי איניינעם מיט "גרעסערע געלעגנהייטן פאר בראום און שענאנגא, אינק." (Greater Opportunities for Broome and Chenango, Inc.). די פעדעראלע CDBG-CV פינאנצירונג איז פארטיילט געווארן פאר סטעיט אין 2020 צו שטיצן קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע אדרעסירן COVID-19 פארבינדענע פראבלעמען. פארזיכערן צוטריט צו א זיכערע און ביליגערע פלאץ צו וואוינען אין ניו בערלין וועט נידערן די ריזיקעס פון ווירוס פארשפרייטונג און פארבעסערן פאבליק געזונטהייט.

די פראיעקט ביי רעד מיל אפארטמענטס בויעט אויף HCR'ס לעצטיגע אינוועסטירונגען אין זייטיגע קאמיוניטיס אין שענאנגא קאונטי. די קאונטי האט פארענדיגט א [ברייטע באנד אינטערנעט נעטווארק פארברייטערונג](#) אין ניו בערלין און נארוויטש פאריגע יאר נוצנדיג א $1.9 מיליאן CDBG-CV אינוועסטירונג פארטיילט דורך HCR. אין מערץ דאס יאר, האט HCR פארטיילט איבער $1.5 מיליאן פון די [NYS HOME-ARP פראגראם](#) צו איבערבויען פיר יוניטס אויף 30 Genesee Street אין ניו בערלין, וואס ווערט ווערן געהאלטן פאר הויזגעזונדער וועלכע פארדינען אויף אדער אונטער 60 פראצענט AMI וועלכע נויטיגן זיך אין שטיצנדע סערוויסעס. די געלט באלוינונג וועט ווערן גענוצט צוזאמען מיט א דערגענבנדע [פיר-געביידע פראיעקט](#) פינאנצירט דורך די NYS אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף'ס היימלאזע האוזינג הילפס פראגראם.

די הייניגע אנאנסירונג באגלייט אויף "Southern Tier Soaring", די ראיאן'ס ארומנעמיגע סטראטעגיע צו טרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויף וויאזוי צו צוציהען טאלאנטירטע ארבייטער, מאכן ביזנעסער וואקסן און טרייבן פארשריט פון דעם קומענדיגן דור. מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט [דא.](#)

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט-ענן וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "די האוזינג קריזיס אפעקטירט יעדע ראיאן פון די סטעיט, און די פראיעקט ווייזט אז מיר נעמען ערנסט צו אינוועסטירן אין קאמיוניטיס פון אלע גרויסקייטן צו פארזיכערן אז מער ניו יארקער קענען זיך ערלויבן צו בלייבן דא וואוינען. דורך אונזער $5.2 מיליאן CDBG CARES געלט באלוינונג, וועט רעד מילס אפארטמענטס העלפן צושטעלן פאר 18 ניו בערלין פאמיליעס א זיכערע, פארזיכערטע, און פארגעשריטענע פלאץ צו וואוינען פאר די קומענדיגע צענדליגע יארן. מיר באדאנקען אונזער לאקאלע שותפים אריינרעכענענדיג שענאנגא קאונטי און 'גרעסערע געלעגנהייטן פאר בראום און שענאנגא' פאר ערמעגליכן די פראיעקט."

**מאיאריטעט פירער טשאק שומער האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע שענאנגא קאונטי איינוואוינער צו האבן א זיכערע און פארזיכערטע פלאץ צו וואוינען, און איך בין שטאלץ צו זען אז די גרויסע $5.2 מיליאן פון די CARES אקט וואס איך האב דורכגעפירט האט צוגעשטעלט די גאר-נויטיגע אינוועסטירונג אין ביליגערע האוזינג פאר אונזער מערסטע עמפינדליכע באפעלקערונגען. הויכע האוזינג קאסטן זענען א הויפט טרייב קראפט פון אינפלאציע, און דערפאר מוזן מיר בויען מער האוזינג כדי צו אראפברענגען די הויכע פרייזן. דאס פארענדיגונג פון די אפארטמענטס ברייטערט אויס נייע, ביליגערע האוזינג געלעגנהייטן פאר שענאנגא קאונטי און אינעם זעלבן צייט שטעלט עס צו שטיצנדע סערוויסעס צו פארבעסערן אונזערע איינוואוינערס' קוואליטעט פון לעבן. איך אפלאדיר גאווערנאר האקול'ס פארפליכטונג צו פארמערן צוטריט צו ביליגערע האוזינג אין ניו בערלין און ארום ניו יארק סטעיט, און איך וועל ווייטער קעמפן צו פארגרעסערן די סופליי פון האוזינג און שאפן מער א פארמעגליכע און וואוינבארע ניו יארק פאר אלע."

**סטעיט סענאטאר דזשאסעף גריפאו האט געזאגט,** "עס איז וויכטיג אז אלע טיילן פון די סטעיט'ס באפעלקערונג האבן צוטריט צו זיכערע און ביליגערע האוזינג. די פראיעקט וועט פארשלאגן נאך האוזינג אויסוואלן און שטיצנדע סערוויסעס פאר איינוואוינער פון ניו בערלין און שענאנגא קאונטי."

**אסעמבלימיטגליד דזשאו אנדזשעלינאו האט געזאגט,** "די בוי-ארבעט וואס ווערט דורכגעפירט ביי די רעד מילס אפארטמענטס וועט שטארק צוגעבן צו די קאמיוניטי, פארבעסערנדיג דאס קוואליטעט פון לעבן פאר פילע איינוואוינער און פונדעסטוועגן בלייבן ביליג. איך בין צופרידן צו זען אז די סטעיט אינוועסטירט אין די זייטיגע אפסטעיט קאמיוניטי."

**ניו בערלין טאון סופערווייזער ווענדי ריפאנבורג האט געזאגט,** "עס איז אונז א כבוד אז "גרעסערע געלעגנהייטן פאר בראום און שענאנגא" האט באקומען די געלט באלוינונג וואס ערלויבט אונז צו איבערבויען די רעד מיל אפארטמענט קאמפלעקס. מיר זענען דאנקבאר פאר יעדעם'ס שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט צו דעם פראיעקט. די נייע איבערגעבויעטע קאמפלעקס וועט שטארק צוגעבן פאר דאס קאמיוניטי פאר די קומענדיגע יארן."

**ווילעדזש פון ניו בערלין מעיאר פיטער לענאן האט געזאגט,** "די רעד מיל פראפערטי איבערבוי, צום צפון זייט פון די ווילעדזש פון ניו בערלין, האט צוגעברענגט צו פאזיטיווע אפעקטן וואס גרייכן ווייטער ווי די פיזישע גרעניצן פון די ארט פונעם פראיעקט. אונזערע שכנים וועלכע וואוינען אין די גרעסערע געלעגנהייטן-אנגעפירטע פראפערטי שוין נאכאמאל שטאלץ צו אנרופן די זיכערע, פארגעשריטענע האוזינג יוניטס זייער היים. רעד מיל שטעלט יעצט צו א ציענדע אריינגאנג צום ווילעדזש. איך האב אויך גערעדט מיט פילע מענטשן וועלכע זענען געווען פארמישט אין די פיזישע טיילן פון די פראיעקט- עס איז לאקאלע מענטשן וועלכע ארבעטן צו שטיצן לאקאלע מענטשן- און א גרויסע טייל פון די געלטער זענען צוריק אינוועסטירט געווארן אין אונזער קאמיוניטי."

**גרעסערע געלעגנהייטן פאר בראום און שענאנגא CEO מארק סילוואניק האט געזאגט,** "אין נאמען פון 'גרעסערע געלעגנהייטן פאר בראום און שענאנגא', וויל איך אויסדרוקן אונזער טיפע דאנקבארקייט פאר די ניו יארק סטעיט אפיס פון קאמיוניטי באנייאונג פאר די פינאנצירונג וואס האט ערמעגליכט דעם פראיעקט. די פינאנצירונג וועט אונז העלפן צושטעלן זיכערע און ביליגערע האוזינג פאר נידריגע-איינקונפט פאמיליעס אין אונזער געגנט, וועלכע ספראווען זיך מיט אסאך שוועריקייטן און שטרויכלונגען מיט טרעפן א פאסיגע פלאץ צו וואוינען. האוזינג איז נישט בלויז אן איינפאכע מענטשליכע רעכט, נאר אויך א וויכטיגע טייל פון די וואוילזיין און אנטוויקלונג פון א קאמיוניטי. דורך אינוועסטירן אין האוזינג, אינוועסטירט איר אין די צוקונפט פון אונזער ראיאן. די פינאנצירונג האט אויך געטריבן עקאנאמישע בענעפיטן פאר אונזערע לאקאלע ביזנעסער און ארבעטער, וויבאלד מיר האבן אויפגענומען טויגליכע ביזנעסלייט צו ענדיגן די ארבעט און איינקויפן מאטריאלן פון לאקאלע סופלייערס. א פראיעקט אזויווי דאס האט געשאפן ארבעט געלעגנהייטן און איינקונפט פאר אונזער קאמיוניטי און האט געהאלפן פאראויס רוקן דאס ערהוילונג פון די פאנדעמיע. גרעסערע געלעגנהייטן איז אנטשלאסן צו ארבעטן אין ריכטונג פון דאס גענצליכע אויסראטונג פון היימלאזיגקייט אין אונזער קאונטי, און מיר זענען דאנקבאר פאר אייער שטיצע און מיטארבעט אין די מיסיע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן